## די פראַגע צו דער אָפּשטימונג

*רייניקן עפנטלעך אייגנטום*

דער פאָרשלאַג וואָלט געענדערט דעם שטאָט טשאַרטער כדי אויסצובררייטערן און אויפקלערן די מאַכט פון דער סאַניטאַציע אָפּטיילונג צו רייניקן גאַסן און אַנדער שטאָט אייגנטום, און צו פאָדערן אַז מיסט זאָל מען אַוועקוואַרפן אין קאַסטנס.

שטימען "יאָ" וועט פאַרברייטערן און אויפקלערן די מאַכט פון דער סאַניטאַציע אָפּטיילונג צו רייניקן גאַסן און אַנדער שטאָט אייגנטום און צו פאָדערן אַז מיסט זאָל מען אַוועקוואַרפן אין קאַסטנס.

שטימען פאַר "ניין" וועט לאָזן די געזעצן אָן קיין שום ענדערונג.

## די פראַגע צו דער אָפּשטימונג

*מער אָפּשאַצונגען פון דעם קאָסט פון פאָרגעשלאָגענע געזעצן און אַקטואַליזירונגען פון בודזשעט טערמינען*

דער דאָזיקער פאָרשלאַג וואָלט געענדערט דעם שטאָט טשאַרטער כדי צו פאָדערן אַ פינאַנץ אַנאַליז פון דעם ראַט פאַר די אויסהערן און אָפּשטימונגען אויף געזעצן, דערלויבן אַ פינאַנץ אַנאַליז פון דעם מייאָר און אַן אַקטואַליזירונג פון בודזשעט טערמינען.

שטימען "יאָ" וואָלט געענדערט דעם שטאָט טשאַרטער כדי צו פאָדערן אַ פינאַנץ אַנאַליז פאַר אויסהערונגען און אָפּשטימונגען אויף לאָקאַלע געזעצן, און די אַקטאַוליזירונג פון בודזשעט טערמינען. שטימען פאַר "ניין" וועט לאָזן די געזעצן אָן קיין שום ענדערונג.

## די פראַגע צו דער אָפּשטימונג

*מער מעלדונג און צײַט פאַר אָפּשטימונגען אויף געזעצן וועגן געזעלשאַפטלעכער זיכערקײַט*

דער דאָזיקער פאָרשלאַג וואָלט געפאָדערט מער מעלדונג דעם קהל און צײַט איידער דער ראָט שטימט אויף געזעצן מיט שייכות צו דער געזעלשאַפטלעכער זיכערקײַט אַרבעט פון דער פּאָליצײַ אָפּטיילונג, די תפיסות אָפּטיילונג אָדער די פייערלעשער אָפּטיילונג.

שטימען "יאָ" וועט פאָדערן נאָך א מעלדונג און מער צײַט איידער דער ראָט שטימט אויף געזעצן מיט שייכות צו דער געזעלשאַפטלעכער זיכערקייט אַרבעט פון דער פּאָליציי, די תפיסות אָדער די פייערלעשער אפטיילונגען. שטימען פאַר "ניין" וועט לאָזן די געזעצן אָן קיין שום ענדערונג.

## די פראַגע צו דער אָפּשטימונג

*קאַפּיטאַל פּלאַנירונג*

דער דאָזיקער פאָרשלאַג וואָלט געענדערט דעם שטאָט טשאַרטער כדי צו פאָדערן מער פּרטים אין דער יערליכער אָפּשאַצונג פון שטאָט אינסטאַלאַציעס, פאָדערן אַז די אינסטאַלאַציעס וואָס מען דאַרף זאָל משפּיע זיין אויף דער קאַפּיטאַל פּלאַנירונג, און אַקטואַליזירן די טערמינען פון קאַפּיטאַל פּלאַנירונג.

שטימען פאַר "יאָ" וואָלט געפאָדערט מער פּרטים ביי דעם אָפּשאַצן די נייטיקע באַדינונג פון שטאָט אינסטאַלאַציעס, פאָדערן אַז די נייטן פון די אינסטאַלאַציעס וואָס מען דאַרף זאָל משפּיע זיין אויף דער קאַפּיטאַל פּלאַנירונג, און אַקטואַליזירן די טערמינען פון קאַפּיטאַל פּלאַנירונג. שטימען פאַר "ניין" וועט לאָזן די געזעצן אָן קיין שום ענדערונג.

## די פראַגע צו דער אָפּשטימונג

*געשעפטס אונטערנעמונגען פון פרויען און מינאָריטעטן, דערלויבענישן פאַר פילמען און פאַרוואַלטונגען פון אַרכיוו איבערבליקן.*

דער דאָזיקער פאָרשלאַג וואָלט געענדערט דעם שטאָט טשאַרטער כדי צו שאַפן אַן אַמט: הויפּט באַאַמטער פאַר געשעפטס פאַרשיידנקייט, אויטאָריזירן דעם מייאָר צו באַשטימען דעם ביוראָ וואָס געבט אַרויס דערלויבענישן פאַר פילמען און קאָמבינירן פאַרוואַלטונגען פון אַרכיוון.

שטימען "יאָ" וואָלט געשאַפט דעם CBDO אַמט כדי צו שטיצן די MWBE, אויטאָריזירן דעם מייאָר צו באַשטימען דעם ביוראָ וואָס וועט אַרויסגעבן דערלויבענישן פאַר פילמען, און קאָמבינירן צוויי פאַרוואַלטונגען. שטימען פאַר "ניין" וועט לאָזן די געזעצן אָן קיין שום ענדערונג.